# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

זכות הדפסת הגליון
ברת מרים לאה צפורה לע"נ ב"ר שמואל ע"ה


**מזלא טבא!**

בלב מלא רגש משגרים אנו בזה ברכת מזל טוב לכבוד ידידינו

וידיד בית ישראל מו"מ מהולל בתושבחות מנאמני אבותינו

כש"ת הר"ר **ישראל שלום ווייס** שליט"א **ונו"ב** שתחי'

מגדולי העסקנים לדבר מצוה להצלת הביה"ח **טיסמעניץ - קאלאמיי** (ישן נושן)

לרגלי נישואי **בתם הח' שתחי'** עב"ג הבה"ח שיחי'

והשי"ת יעזור לו ולהמחותנים ולכל הנלוים אליו שיחי' שיראו רב נחת ושמחת עבג"צ

...ועוד כי רלה להודיענו מקום קבורת האבות באשר אנחנו חייבים לכבד מקום קבורת אבותינו הק'. (רמב"ן חיי שרה)

# בורא עולם בקנין השלם זה הבנין

## 5 נייע שערים זענען געשטעלט געווארן ביים ביה"ח הישן בעיר קאלאמייע, אוקריינע - מקום מנו"כ של הרה"ק ר' הלל קאלאמייער זי"ע

די בשורה מרנינה אז ס'איז ב"ה ערלויבט געווארן צו פולקאם פארענדיגען דעם נייעם גדר דורכן אינסטאלירן 5 ניי טויערן, איז צו פארדאנקען די געטרייע שתדלנות פון די עסקנים שיחיו מיט חשוב'ע משפחה יוצ"ח של הרב החסיד בנש"ק רבי **פנחס וויינבערגער** ז"ל ולהבל"ח בנו הרה"ג ר' **הלל** שליט"א ונכדו הרה"ג ר' **שמואל לוי** שליט"א




## סקירה קצרה

קורצע שטריכן פון די פארצווייגטע אקטיוועטעטן לטובת הצלת הביה"ח קאלאמייע













1) **תשס"ד - תשס"ט:** נאך אומערמידליכע אינטערווענצן, ווערט א גדר המפואר אויפגעבויט ארום דעם ביה"ח בע"ה.

2) **תשע"א:** מצבות ארויסגעגראבן פון א גאס אין שטאט!!

3) ...און אריבערגעברענגט צום ביה"ח.

4) **תשע"ד:** בין גדר ווערט פולקאם פארענדיגט צו די צופרידנהייט פון די חשוב'ע צאצאי יוצאי העיר.

It's our honor to extend a heartfelt thanks to our dear friends, the honorable **District Administrator Mr. Negrych & Mayor Mr. Slyuzar** And **Mr. Jakov Zalyshchiker** - Director of the Kolomaya Jewish community, for their dedicated assistance toward the project.

## גאר איינדרוקספולע קבלת פנים לכבוד הר"ר שמואל סאבו שליט"א

### בבית ידידנו הנאמן הרב החסיד בנש"ק ר' יעקב שמשון גאלד שליט"א

### בהגה"צ אב"ד קראלי שליט"א

לרגל גמר הגדר בהביה"ח **ד'נאראל** פוילן – מנו"כ של גאו"ק רבני **נאראל** זי"ע

א געהויבענע מעמד איז פארגעקומען צו באגריסן הר"ר שמואל סאבו שליט"א פון בודאפעסט - מפקח כללי פון אבותינו, מיט די באטייליגונג פון צאצאי יוצאי העיר **נאראל**, ובראשם הגאו"צ אדמו"ר **מנאראל** והגה"צ אב"ד **קראלי**, אב"ד **דאמבראווא** ובני הגה"צ אב"ד **אגו"י**, און נאך רבנים ובעה"ב נכבדים. מיט פאסיגע ווערטער האט אויפגעטרעטן הרה"ג רבי ישכר רובין אב"ד קוזניץ סי-געיט, ארויסברענגנדיג די גרויסע סייעתא דשמיא וואס באגלייט די עבוה"ק און די געוואלדיגע התרגשות פון די יוצאי העיר. דערנאך האט ער באדאנקט אלע משתתפים ובראשם דעם חשוב'ן בעל אכסניא שליט"א, און די אנפירער פון די Association. גאר ווארימע דיבורים איז געהערט געווארן פון אדמו"ר מנאראל, בשבת די פעולות הק' ובפרט נכדו הח' הר"ר ישכר שליט"א. אויך איז פארגעלייגט געווארן די פלענער פארן ציון און אוהל אויפן מנו"ק הרה"ק מהר"י מנאראל זי"ע.



תעודת הכבוד פאר די ראשי העסקנים הי"ו

**זכות אבות יגן עלינו!**

## העפטיגע צוגרייטונגען לטובת הצלת הביה"ח אינ'ם קומענדיגן סעזאן אי"ה

### פילע אסיפות מיט די באטייליגונג פון הר"ר שמואל סאבו שליט"א פון בודאפעסט

אלס א טייל פון די העפטיגע צוגרייטונגען פארן קומענדיגן סעזאן, איז ספעציעל געקומען קיין ניו יארק ידידנו החשוב הר"ר שמואל סאבו שליט"א איבערצושמועסן פערזענליך פילע דעטאלן פון די עבוה"ק. אויך זענען ארגאנזשירט געווארן גאר אינהאלטסרייכע מיטינגען מיט די ראשי העסקנים צאצאי העיר פון פארשידענע ביה"ח, איבערצוגעבן און קלארשטעלן וויכטיגע איינצלהייטן פון יעדן פראיעקט.

צווישן די געלונגענע אסיפות מיט גדולי הרבנים, ידידי ואוהדי אבותינו שליט"א האבן זיך אויך באטייליגט די פאלגענדע רבנים הגאונים וצדיקים שליט"א:

כ"ק אדמו"ר **מקאלוב** שליט"א • הגאון הצדיק ר' **חיים פלאהר** שליט"א

הגאון הצדיק **אב"ד מגד יהודה** שליט"א • הגאון הצדיק **אב"ד דושינסקיא** שליט"א

און האבן מיט ווארימע דברי חיזוק והערצה און דברי הדרכה איבערגעלאזט א געוואלדיגן רושם דקדושה צו קענען ממשיך זיין בעבוה"ק. די רבנים שליט"א האבן ארויסגעברענגט זייער רגש קודש ביים מיטארבייטן מיט די עסקני אבותינו און ווי זיי זענען גאר באאיינדרוקט פון די מלאכת הק' אונטער די געניטע אנפירערשאפט פונעם מפקח כללי ר' שמואל שליט"א. מיט גאר הארציגע ברכות איז אהיים באגלייט געווארן דער חשוב'ער אורח. זכות הק' אשר בארץ המה יגן עלינו להוושע עם כל טוב סלה.